שנה ג'
נומער קל"ז
**פרשת דברים**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

צום פינטל:
**גייט אייך צוריק קיין ברוקלין**

נקודות טובות:
**א ברסלב'ער איידעם**

**א רייזע מיט פישל**
ערשטע פארזעצונג



גאב"ד ירושלים זצ"ל מיט מוהרא"ש ז"ע ביי א שמחה

# ציון במר תבכה

**כלל ישראל איינגעהילט אין טרויער מיט די פטירה פון מרא דארעא קדישא מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל**



**לחיים / ווארט / תנאים
פון החתן יוסף מערמעלשטיין נרו יאיר**

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג**
**אברהם משה שטראססער**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**
**שמואל בער שניטצלער**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
136-Huschke Rd Hurkeyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידיש שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


# א ווארט
## פון דער רעדאקציע

## א הערליכע אויסגאבע צוגעשטעלט פאר אייך

די וואך שטעלן מיר אייך פאר גאר א שיין בלעטל, פיל מיט תוכן און רייכע אינהאלט פאר אייך און די גאנצע משפחה פון גרויס ביז קליין.

אנגעהויבן מיט בריוון פון ליינער. דערנאך וועט איר טרעפן א הערליכע ארטיקל "צום פינטל" וואס ברענגט ארויס וועגן די נושא פון שנאת חנם אין א אינטערסאנטע בליק, וואס איז נוגע פאר די יעצטיגע טעג ווען מען קלאגט אויפ'ן חורבן בית המקדש וואס איז חרוב געווארן צוליב שנאת חנם.

דערנאך האבן מיר נייעס, שיינע מעשיות פון תפילה פארציילט דורך אנשי שלומינו, א בריוו פונעם ראש ישיבה, א שיחה פון דער ראש ישיבה, א מעשה פון א צדיק, דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל.

אויך האבן מיר "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה" פון וואס מענטשן נעמען ארויס שיינע לימודים וויאזוי צו פירן א סעודה ביי זיך אין שטוב.

שפעטער האבן מיר נקודות טובות געהערט פון אנשי שלומינו, קלאסיפיידס, ביים סוף איז דא א גרויסע שיינע קינדער אפטיילונג, צוזאמען מיט די נייע אפטיילונג פון "א רייזע מיט פישל", ביים סוף איז דא די "בילדער אפטיילונג" צו באקומען א שטיקל בליק אויף אלע פאסירונגען אין היכל הקודש פון ארום די וועלט.

ליינט און האט הנאה.

## זמנים Liberty

פרשת דברים ט' אב תשפ"ב

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 07:53 |
| מוצאי שבת | 09:22 |
| מנחה מעריב ואתחנן | 09:00 |

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו וזוגתו עלקא תחי'**

**צו די געבורט פון א אייניקל ביי זייער זון ר' שרגא פייוול הי"ו למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

---

**ביטע נישט פארן אויף די ראודס אין שטעטל מער ווי 20 מייל א שעה עס קען זיך ווערן נישט גוט ענדיגן חס ושלום.**

SPEED LIMIT 20

**אזוי אויך ווילן מיר בעטן די וואס שפאצירן ביינאכט אויף די ראוד, ביטע טוט אן א רעפלעקטער, מען קען אייך נישט באמערקן אן א רעפלעקטער.**

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 05 | 84°/63° | Scattered Thunderstorms |
| Sat 06 | 80°/62° | Scattered Thunderstorms |
| Sun 07 | 85°/64° | Partly Cloudy |
| Mon 08 | 84°/62° | PM Thunderstorms |
| Tue 09 | 80°/58° | AM Showers |
| Wed 10 | 82°/59° | Mostly Sunny |
| Thu 11 | 81°/58° | Partly Cloudy |
| Fri 12 | 81°/58° | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט

**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**

שיחות הר"ן רכ"א

בריוו צו די
# רעדאקציע

## קאלטע טשולנט

איך האב געזעהן אין די סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א וועגן א קאלטע טשולנט, עס וואלט געווען אינטערסאנט צו פארציילן וואס איך האב געהאט אמאל ווען בין איך געווען שבת ביי מוהרא"ש, ערב שבת האט מען געברענגט די טשולנט אין א בעקעלע, דער בחור וואס האט אנגעגרייט האט גענומען די טשולנט, און אנשטאט עס איבערגיסן אין א טאפ האט ער עס ארויפגעלייגט מיט די בעקעלע אויף די האט פלעיט. שבת אינדערפרי איז די גאנצע טשולנט געווארן הארטע שווארצע שטיקלעך, און מוהרא"ש האט געזאגט: "געב מיר כאטש עפעס צו קייען, ווייל מען דארף עסן טשולנט שבת", מוהרא"ש האט גענומען ממש שטיקלעך אש, און געקייעט וויפיל ער האט געקענט, אבי צו עסן טשולנט שבת.

אן אנדערע מאל בין איך געווען ביי מוהרא"ש איז דארט געווען אן אנדערע מעשה, די טשולנט איז געווארן פארדארבן, און מוהרא"ש האט געזאגט: "ווארף עס גלייך אוועק!" און מוהרא"ש האט נישט געוואלט קוקן אויף דעם, ממש ווי סם המות.

**אהרן בלוי בית שמש**

## נקודות טובות אפטיילונג

איך האב זייער הנאה פון דעם נייעם אפטיילונג "נקודות טובות".

איר האט געשריבן אין מיין נאמען ביי נקודות טובות אפטיילונג די ווארט פון אור החיים הקדוש לגבי בלעם'ס אייזל, איך וויל פארעכטן א טעות וואס איז אריינגעפאלן, ס'איז געשטאנען אז בלעם האט געדארפט רעדן דריי מאל צו זיין אייזל ביז עס האט זיך אנטוויקלט אין אים א חוש פון רעדן, אבער נישט דאס שרייבט דער אור החיים הקדוש, ער שרייבט אז די אייזל האט דריי מאל געזעהן דעם מלאך און דערנאך האט זיך אנטוויקלט אין אים די חוש פון רעדן.

**אלי' פערל קרית ברסלב ליבערטי**

## א גוטע גריס פונעם שטעטל

איך האב שוין לאנג געוואלט איבערגעבן די גוטע גריס פאר אייער קהילה, אבער איך האב נישט געהאט ווי צו שיקן, הערשט לעצטנס האב איך אויסגעפונען פון אייער שיינע בלעטל, איך באקום עס יעדע וואך, עס איז הערליך שיין, אויפן דעקל האב איך געזען אז עס איז שוין גאר דער דריטער יאר וואס עס קומט ארויס, וואו זענט איר געווען אלע יארן? און איך בין נייגעריג אויב מען קען באקומען די פריערדיגע נומערן.

יעצט צום ענין; איך בין אריינגעפאלן דעם ווינטער דא אין די קעטסקילס, איך האב געזוכט ווי מען קען דאווענען, איינער האט מיר געזאגט אז איך זאל גיין צו די ברסלב'ע שטעטל, איך האב



מיך אויסגע'משל'ט גאר אן אנדערע בליק, ווען איך בין אריינגעקומען בין איך ממש געווען ווי פארפרוירן, אימיטן דעם שנייאיגן ווינטער דא אין די טויטע קעסטקילס, עס פלעגט זיך כסדר מאכן אז איך האב געהאט זאכן צו ערלעדיגן, אבער אזא מחזה האב איך מיך נישט געראכטן, די הערליכע בית המדרש, די מקוה, די געשמאקע אטמאספער, דאווענען געשמאק, איך האב ממש נישט געקענט צו זיך קומען, דא קומט נאך צו איינער געבן שלום, דא קומט מיר איינער פרעגן צו איך האב שוין געהאט א קאווע. ווען איך דערמאן מיך ווי מען רופט עס די פורס"ט אימפרעש"ן ווער איך פון פריש פארווינדערט ווי מען האט געמאכט ממש פון ארץ ציה למוצאי מים, איך געדענק די קעסטקיל'ס בחרבונה, עס איז ממש ווינדערליך.

אבער נישט דאס האב איך געוואלט זאגן, איך וויל צוקומען צום ענין, איך האב פארברענגט יענעם טאג אין בית מדרש, און איך קען נאכאלץ נישט צו זיך קומען פון דער כולל, איך האב ממש געשפירט ווי אין א גן עדן, אינגעלייט זיצן די אנדערע זייט מחיצה ווי מען מיינט נישט זיי בכלל, מען אקערט דורך שווערע מקצוועות, עס איז נישט סתם א געזאגטע זאך - א כולל, נאר עס זיצן דא באמת חשובע יונגעלייט וואס זענען נישט פסיק פיהם מגירסה, מיט אזא געשמאק, איך האב נישט אריינגעקוקט אבער איך האב געהערט ווי עס זיצן יוגעלייט און זיי 'לערנען', דער לערנט מקוואות, דער לערנט שכירות וקבלנות, דער לערנט יורה דעה, אלעס מיט אזא געשמאק, די קול תורה, דאס לערנען. יעצט אז איך האב ווי איבערצוגעבן מיין גריס האב איך עס געשריבן.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט קענען ווייטער ארויסגעבן די הערליכע אויסגאבע יעדע וואך להחיות בהם נפש כל חי.

ש.י.י.

## קאמענטארן און געדאנקען

לכבוד די חשוב'ע מערכת "קרית ברסלב בלעטל" הע"י.

וואך נאך וואך זענען מיר זיך מחי' מיט אייער הערליכע אויסגאבע, איר אנטוישט נישט די ליינער אויפקומענדיג כסדר מיט פרישע חידושים, ווי צום ביישפיל די נייע אפטיילונג "נקודות טובות" וואס איז מלא וגדוש מיט הערליכע שיינע נקודות אויף למעשה, אראפגעלייגט אויף א שיינע געשמאקע שפראך; עס זעט זיך אן די שווערע הארעוואניע וואס די מערכת לייגט אריין צוצושטעלן פאר'ן היימישן ציבור בכלל און פאר אנשי שלומינו בפרט ערליכע און געשמאקע ליין מאטריאל.

די "צום פינטל" ארטיקל דעם פארגאנגענעם וואך איז זייער באלערנד און שטארקע התחזקות. עס האט מיר צוריק געטראגן די זכרון צו די נישט אזוי ווייטע פארגאנגענהייט, ווען מיר האבן געהאט די זכי' צו האבן אונזער רבי' מוהרא"ש זכותו יגן עלינו צווישן אונז. עס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב זוכה געווען צו פאר'ן אויף ראש השנה צום הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן, תשס"ד אדער ס"ה, יעדע זאך וואס איך האב דעמאלט מיט געלעבט איז מיר געבליבן איינגעקריצט טיף טיף אין זכרון. דאכט זיך מיר אז יענע יאר איז געווען די ערשטע יאר אין מעגאמעטער, מוהרא"ש זי"ע האט אבער נאך געהאט זיין אכסניא אביסל נאך די 4 קארנערס, ארויף פושקינא, דארט האט מען געקענט איבערגעבן די פדיון נפש.

עכ"פ געדענק איך אז ביי איינע פון די דרשות האט מוהרא"ש זי"ע גערעדט פון אט די נקודה, אז ווען דער ס"מ וויל איינעם צונעמען זיין עבודת ה', זיין קיום התורה והמצוות, איז דאס וויל עס איז אסאך ווערד, אזוי ווי עס איז אויסגעשמועסט באריכות אינעם ארטיקל. מוהרא"ש האט דעמאלט געניצט דעם משל אז א "קעדילעק" זוכן רויבערס צו בעראבעווען, אבער נישט קיין "גארבידזש טראק", און אויסגעשמועסט די נקודה באריכות.

פארוואס געדענק איך דעם פרט פון די גאנצע שיעור? מוהרא"ש האט דעמאלט נאך געזאגט די דרשות אין לשון הקודש, אין די שפעטערדיגע יארן האט מוהרא"ש גערעדט אביסל אויף אידיש

און אביסל אויף לשה"ק, און נאך שפעטער האט שוין מוהרא"ש אויך גזאגט איין אדער מער דרשות אינגאנצן אויף אידיש, פאר די תלמידים פון ישיבה.

איז בשעת מוהרא"ש האט גערעדט פון דעם ענין, ווען ער האט געוואלט דערמאנען א גארביטש טראק האט ער גזאגט אויף לשה"ק "רכב של זבל" א מיסט וואגן, די אנוועזנדע ביים שיעור האבן זיך אביסל צושמייכלט פון דעם אויסדרוק און איידעלערהייט אנגעמערקט דעם ריכטיגן אויסדרוק ווי אזוי מען רופט א גארביטש טראק אין ארץ ישראל; אזוי ווי דער חלק איז געווען אביסל טשיקאוו איז מיר דאס געבליבן אין זכרון.

***

ביי די סיום ירושלמי וואס איר האט באריכטעט ביי די שטעטל נייעס האב איך געוואלט צולייגן א פרט וואס איך האב בייגעוואוינט בשעת'ן סיום, אז בשעת דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפרעגט דעם חתן וואס האט אים מקרב געווען, עס האט געגומען ביז ער האט דערציילט באריכות די גאנצע השתלשלות; איז ער צוגעקומען צו א נקודה וואס ער האט געהערט אויף יענע חיזוק יומי, ווי דער ראש ישיבה האט גזאגט אז ער האט נישט געהאט די זכי' צו זיין ביי א סדר פון מוהרא"ש אבער ער קען זיך פארשטעלן ווי מוהרא"ש איז געזיצן אויף דעם היסב בעט און פרייליכערהייט, מיט א שמייכל געגעסן די מצה, בשעת דער חתן שלמה האט דאס דערציילט האב איך באמערקט ווי דער ראש ישיבה איז זייער איבערגענומען, און אויב איך האב גוט געזען האט דער ראש ישיבה געהאט נאסע פארטרערטע אויגן.

איך האב בשעת מעשה געטראכט צו זיך, וואס איך קען ארויסנעמען פון דעם; דאס קען באמת יעדער איינער פאר זיך פארטייטשן, אבער איך האב געטראכט צו מיר, אויב מען קען זאגן, אז בוודאי זיצט יעצט מוהרא"ש זי"ע אין זיין ליכטיגן פלאץ אין גן עדן, אזוי ווי אויפ'ן היסב בעט ביים ליכטיגן סדר נאכט, און קוקט זיך צו מיט זיין ליכטיגן שמייכל אויף די ערליכע ישיבה וואס דער ראש ישיבה געבט זיך אפ מיט זיין לייב און לעבן, די יראת שמים און התמדה פון די חשוב'ע תלמידים, ווי מען פאטשט און שאהלט יעדן טאג אויף נאך און נאך סיומים.

אגב, האב איך באמערקט אן אינטערעסאנטע זאך. אין די וועלט איז אנגענומען אז דער לימוד פון א דף ירושלמי יעדן טאג איז געווארן פראקלאמירט אום חודש טבת שנת תש"מ, דורכ'ן גורער רבי, דער לב שמחה זצ"ל, און בפועל האט מען דאס אנגעהויבן חמשה עשר בשבט יענע יאר; איך האב אבער פונקט באמערקט א בריוו וואו מוהרא"ש זי"ע שרייבט שוין איבער דעם אין אשר בנחל חלק י', מכתב א' רנה, וואס איז אין חודש אייר תשל"ד! "תקבע לעצמך שיעור בעל יום ללמוד דף גמרא בבלי, ודף גמרא ירושלמי ופרק בתוספתא". וכו', עיי"ש.

עכ"פ, א גרויסן יישר כח פאר אייער ערליכע אויסגאבע, חזקו ואמצו!

בכבוד והערכה, יואל שניצלער, קרית ברסלב ליבערטי

## תמונה של מוהרא"ש זי"ע

ראשית רציתי להודות לכם על העלון הנפלא המלא בתוכן איכותי על פי דרכו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע.

רציתי להעיר את תשומת לבכם לגבי התמונה ששמת בשער של העלון "פרשת חיי שרה" בו נראה הגה"צ ר' מנחם זאב שיק זצוק"ל עומד לצד הגה"צ מטשעבין זצוק"ל וכתבתם שהבחור שעומד בצד שמאל הוא כ"ק מוהרא"ש זי"ע שלמעשה מדובר באחיו של מוהרא"ש זי"ע - הגה"צ רבי בנימין שיק זי"ע שנפטר בה' אלול תשס"ח ומנוחתו כבוד בעיר מונסי. התמונה פורסמה עוד בחייו של מוהרא"ש שאמר שמדובר באחיו הגה"צ הנ"ל.

נחמן נתן סלמה - יבנאל עיר ברסלב



# צום פינטל

## גייט אייך צוריק קיין ברוקלין

האסט שוין אמאל געהערט אן אפסטעיט גוי שרייען אויף די אידעלעך וואס קומען זיך דא ארויף אין די קעטסקילס פאר די זומער חדשים "גיי צוריק קיין ברוקלין!", ניין? נישט געזארגט, איך האב עס אויך נאכנישט געהערט... אבער מיר איינוואוינער אין ברסלב'ער שטעטל ווען מיר הייבן אן צו זען די פילע נייע פנימ'ער פון אחינו בני ישראל וואס פולן אן דעם ליידיגן חלל פון די בערג, וואס טוט מער ווייניגער אפשימלען במשך די ווינטער חדשים, טוען מיר ווערטלען צווישן זיך, מיר האבן געהערט אז עס איז דא אזא ווארט וואס די אפסטעיט חברה שרייען ארויס פון זייער קאר - אויף די גרינע אידעלעך וואס טוען אימיגרירן דא אהער פאר צוויי חדשים - "גאו בעק טו ברוקלין", און מיר ניצן דאס אפצו'חוזק'ן פון דעם נעבעכדיגן אפסטעיטער וואס זיין מנוחה ווערט צושטערט פון די פולע עולים וואס פארפלייצן די בערג אין די זומער חדשים.

לא ראינו אינו ראיה. איך האב דאס נאך קיינמאל נישט געהערט, און זאגסט דאך אז דו האסט עס אויך נאכנישט געהערט, אבער איך בין זיכער אז מען שרייט נאך אלץ. אבער אויב מיינט איר אז די וואס שרייען אויף אייך: "גייט צוריק קיין ברוקלין" געפינען זיך דא במשכ'ן ווינטער, וועלן מיר אייך אויסזאגן א סוד וואס מסתמא ווייסט איר נישט, ששששש... רוב פון די שרייער געפינען זיך בכלל נישט דא אין די ווינטער חדשים.

מאנכע זענען ווי די וואס קומען אן צום דאוונען אין בית המדרש ביי 'ויברך דוד', און ווען די טיר עפענט זיך אויף און עס קומט אריין דער נעקסטער איד, ווען דער בעל תפילה האלט שוין ביי 'ישתבח', קוקט ער שוין מיט א בייז אויג אויפ'ן זייגער... "נו! אזוי שפעט קומט מען? שעמסטיך נישט...?", אזוי זענען טייל פון אונזערע שכנים דא, א גאנץ ווינטער בראטן זיי זיך ערגעצוואו אין די ווארימע קור ערטער, און ווי די פייגלעך קומען זיי צוריק צו פליען צו די מאונטענס ווען דא ווערט ווארעם, זיי קומען אן צום שלחן עורך... אבער ער איז גוט צו שרייען אויף יענעם "גאו בעק טו ברוקלין".

מיר וואוינען דאך דא אויף די בערג א גאנץ קיילעכיגער יאר, מיר האלטן מיט אלע הערליכע פיר סעזאנען פונעם יאר, די שיינע קאלירפולער אפריל ווען עס הייבן אן צו שפראצן די פרישע פול קאלירטע ביימער, די גראז טוישט זיך פון ברוין-ווייס צו גרין, דערנאך די הערליכע גרינע זומער חדשים, דערנאך ווען עס פאלן די בלעטער פון די ביימער, און דאס זעלבע





שפעטער ווען עס פאלן די שווערע שנייען. מיר ספראווען זיך מיט די שנייען במשך די ווינטער חדשים. און די שניי טוט אונז אויך דערציילן פונקטליך ווער עס איז געפינט זיך דא א גאנץ יאר, און ווער עס איז נישט דא, די פילע נישט געשארטע דרייוו ווע'ס זענען עדות אויף די פארלאזקייט פון די הייזער...

אפילו די וואס וואוינען יא דא א גאנץ יאר, זענען דאך רוב פון זיי פארשפארט תחת בריח ומנעול, א גאנץ יאר שטעקט ער נישט ארויס די נאז פונעם טיר, ניטאמאל ווייסט ער ווי אזוי דער ווינטער זעט אויס, חוץ אויב עס ווערט געוויזן אין די נייעס בילדער פון די וועטער אינדרויסן... נו וואס איז ער אזוי ברוגז אז מען קומט דא אין 'זיין' טעריטאריע, זעט אויס זיי זענען כשר'ע קינדער און אייניקלעך פון די וואס האבן געשריגן אויף אונזערע זיידעס - אין די לענדער ווי זיי האבן געוואוינט - "גייט אייך צוריק קיין פאלעסטיניע (ארץ ישראל)".

שוין! פארוואס ער שרייט? טאקע א שטארקע קשיא! אבער מיר וועלן זיך נישט מטפל זיין מיט די קשיא, וואס איז אונז דען א נפקא מינא וואס דער קוה טראכט, אז ער טראכט דאך נישט...

***

איין זאך דארפן מיר אכטונג געבן, אז ווען מיר באנוצן זיך מיט דעם אויסדרוק, זאל עס טאקע נאר זיין א ווערטל אפצו'חוזק'ן פון די וואס שרייען אויף אונז. מיר באזוצן טאקע די קעטסקילס במשכ'ן יאר, מיר שפירן זיך דא ווי די בעלי בתים, דאס זאל אונז חס ושלום נישט מאכן פארגעסן דעם 'ואהבתם את הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים', דערמאנט אייך איטליכער ווי איר האט זיך - נישט צו לאנג צוריק - פארפאקט אייער גאנצע האב און גוטס, זיך אריינגעקוועטשט מיטן גאנצע משפחה אינעם מיעוט המחזיק את המרובה'דיגען האנדא אדעסי אדער פאר די עלטערע צווישן אונז דעם באליבטן סטעישאן וואגאן, און זיך ארויסגעצויגן צום גן עדן התחתון, די קאנטרי, פארגעסט נישט אז די מענטשן וואס וואוינען א גאנץ יאר אין שטאט קומט זיי נישט קיין מיתה פאר'ן ארויפקומען זיך אביסל אויסלופטערן פון זייערע ענגע דירות.

***

"וואס איז דאס ברסלב? מיט וואס זענען מיר ברסלב'ע חסידים?" - האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט די קינדער אין תלמוד תורה ביי די סיום הש"ס פון בנימין זאב זוסמאן נ"י - דער רבי ז"ל האט געוואוינט אין פארשידענע אנדערע שטעט איידער ער האט געוואוינט אין ברסלב, און דאס זעלבע איז געווען נאך ווען דער רבי האט געוואוינט אין ברסלב, איז דעם רבינ'ס לעצטע סטאנציע נישט געווען אין ברסלב, דער רבי האט דאך געוואוינט אין אומאן די לעצטע פאר יאר פון זיין לעבן. מיט דעם אלעם האט דער רבי אונז געזאגט אז אונז וועט מען שוין אלעמאל רופן 'ברסלב'ע חסידים'. 'ברסלב' זאגט אונז דער רבי איז אותיות לב-בשר = א הארץ פון פלייש, מיט דעם זענען מיר ברסלב'ע חסידים, מיר האבן א געפיל צו אן אנדערן איד, א ברסלב'ער חסיד וועט אלעמאל טראכטן, ווי אזוי קען איך העלפן א טייער אידיש קינד, ווי קען איך גרינגער מאכן פאר נאך א אידן... (ווי אזוי זאגט מען נאך א איד אדער נאך א אידן...? ווענדט זיך פון וואנעט איר קומט... אבער אפגעזען ווי אזוי מען זאגט עס, דארף מען ליב האבן א איד און א אידן דאס זעלבע...)

***

ווען דער אייביג ליידיגער צוויי און פופציגער שאסיי (פיפטי טו בלע"ז) ווערט פארוואנדלט ערב שבת אין א טרעפיק ענליך צו דאס וואס מיר זענען געוואוינט צו זען אין וויליאמסבורג אויף די פלאשינג גאס ביים קארנער פון מידעלטאון... אדער אין בארא פארק לענגאוויס דרייצענטע עוועניו. יעדע פלאץ איז אנגעזעצט מיט טרעפיק, די וועגן וואס האבן נישט צו לאנג צוריק געפיסטעוועט, זענען יעצט אנגעלייגט מיט די פולע אידישע האנדא'ס.

ווען איך קום שוין אן אין געשעפט, דער געשעפט האט א וואך צוריק נאך געהערט צו מיר, קען זיין דא דארט זענען נאך מענטשן געקומען איינקויפן, אבער איך בין געווען זיכער איז בשבילי נברא ה'געשעפט... יעצט שטיי איך אין די רייע בתוך עמי אנכי יושבת.

איך שטיי צוזאמען מיט מיינע קינדער מיר ווארטן אומגעדולדיג, אבער איך ווארט נישט נאר אויף צו באצאלן, איך ווארט אויף נאך עפעס, איך ווארט אז מיינע קינדער זאלן זיך שוין אפרעדן: "טאטי עס איז אזוי געפאקט", טאטי: פארוואס קומען די אלע מענטשן דא? זיי נעמען צו אונזער פרייוועסי!" איך קען קום ווארטן דאס צו הערן פון זיי.

איך ווארט שוין צו הערן מיינע קינדער פרעגן: "טאטי! פארוואס קומען דא די אלע מענטשן?" איך ווארט אזוי שטארק אויף די שאלה, ווייל איך האב גרייט אזא זיסער ענטפער, אן ענטפער וואס עס לוינט מיר די גאנצע טרעפיק, אן ענטפער וואס עס לוינט מיר דערפאר צו ווארטן אין געשעפט אין די לאנגע ליניע.

עס איז מיר אזוי שטארק וויכטיג אז מיינע קינדער זאלן הערן, און עס איז אזוי שטארק וויכטיג אז איך זאל עס הערן און חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, און איר קענט אייך אויך צוהערן צו די טייערע פערל ווערטער: "שעפעלע! ברוך השם אז מיר זענען צאמגעשטופט מיט נאך אידישע קינדער, עס זענען נישט גוים וואס מאכן די לאנגע ליניעס, דאס זענען דאך טייערע אידישע קינדער, איך האב אזוי שטארק ליב צו זען ווי עס טוט זיך א שטופעניש, עס איז אנגעלייגט א טרעפיק, עס טוט זיך א אנלויף פון אידן".

קינדער! נישט צו לאנג צוריק זענען געווען צוויי גרויזאמע רשעים אכזריים איך ווייס נישט צי מען קען זיי אנרופן מענטשן בכלל, ענדערש חיות, שלענג, שדים, איך ווייס נישט צי עס זענען דא ווערטער צו באטיטלען דאס סאמע נידריגסטע אפפאל פונעם מין האנושי, איך וויל נישט ארויסזאגן זייערע טמא'נע נעמען, איינער איז געווען דער פיהרער פונעם עמלק'ישער גערמאנישער פאלק ימש"ו, און דער צווייטער איז געווען דער פאטער פונעם סאוויעטישער פארבאנד ימש"ו, זיי האבן געוואלט זיכער מאכן אז אידן וועלן זיך מער קיינמאל נישט שטופן! זיי האבן געוואלט זיכער מאכן אז זיי וועלן זיין די לעצטע וואס וועלן צאמשטופן אידישע קינדער! זיי האבן אריינגעשטופט אלע אידן, קלוגע מיט נארישע, פרומע מיט פרייע, חסידישע מיט ליטווישע, ספרדישע מיט אשכנז'ישע, פריינט צוזאמען מיט פיינט! ליידער זענען געווען צוזאמגעשטופט אידן וואס האבן זיך א טאג בעפאר נישט געקענט קוקן איינער דעם צווייטן אין פנים, האט מען זיי אריינגעשטופט, געשטופט און געשטופט, זיכער געמאכט אז זיי שפירן אז זיי זענען אלע איין גרויסע נשמה, אזוי האט מען זיי געשטופט אין די פארשאלטענע געטאוס, און דערנאך אין די דערשטיקענדע וואגאנען וואס האבן געפירט אידן וואס רוב פון זיי איז דאס געווען זייערע לעצטע וועג, עס איז נישט געווען קיין פלאץ

אריינצולייגן א נאדל, ווען די צוויי פיסיגע מערדער האבן פארמאכט די טויערן פון די צושטיפטע וואגאנען מיט אונזערע זיידעס דארט.

דאס זעלבע איז געווען אונטערן זייגער פונעם רוסישער חיה שם רשעים ירקב, וואס האט מיט די הילף פון די עירוב רב די יעווסקיציע ימש"ו, וואס האבן צוזאמען געארבעט אז עס זאל אויסגעמעקט ווערן די ווארט 'איד' פונעם ווערטער בוך, זיי זענען געווען זיכער אז 'לא יזכר שם ישראל עוד', נאך אביסל וועט מער נישט זיין קיין זכר פון א אידישע פאלק.

די טרעפיק ערב שבת געבט מיר אזא זיסער נצחון געפיל, איך זע אז די אלע וואס האבן געשריגן 'פן ירבה' האבן זיך גאר שטארק גענארט, און רוח הקודש אומרת: 'כן ירבו', ברוך השם דער אייבערשטער האט געגעבן איבערמענטשליכע כוחות פאר אונזערע זיידעס און באבעס, וואס זיי האבן צוריקגעשטעלט דעם אייבערשטנ'ס פאלק נאך שענער ווי עס איז געווען בעפאר, אך ווי זיס איז צו זען ווי כלל ישראל וואקסט ווי אויף הייוון, אוי וואספארא זיסער געפיל דאס איז ווען מיר דארפן ווארטן אינדרויסן פון מקוה ווייל עס איז געפאקט מיט אידישע קינדער, אונזערע טייערע ליבע אידישע ברודער.

איך לויף מיט מיין נשמה צום שיעור, איך זאל נאך טרעפן פארקינג, ווי האב איך אמאל אין וויסטן חלום געקענט טראכטן אז אין די פארשטופטע האשקי גאס וועל 'איך' דארפן זוכן פארקינג, איך בין דאך דער מחותן אליין?! יא! אבער איך זע אז דו פארשטייסט נישט, ווער זענען די אלע קארס 'כולנו בני אחד נחנו', עס זענען קארס פון אונזערע אידישע ברודער, לוינט זיך נישט אויפצוגעבן אויף א פארקינג אז א 'איד' זאל קענען דארט פארקירן?

מיר זענען שוין אין קאנפליקט מיט די ארץ ישראל'דיגע אידן זייט פסח, עפעס האט פאסירט און פלוצלונג זענען מיר אויף אן אנדערע פעידז"ש, עס טוט זיך יעדע וואך א צווייטע פרשה, זיי האלטן ביי פרשת בהר און מיר האלטן זיך ביי פרשת אמור, זיי רוקן זיך צו בחקותי און מיר האלטן נאך ביי בהר, עפעס קומען מיר זיך נישט דורך... איך האב געהערט פון א קלוגער איד, ווען עס קומט פרשת מסעי דארט טרעפט מען זיך צוזאמען, איינמאל מען הייבט אן די מ"ב מסעות, מען הייבט אן וואנדערן דעמאלטס איז שוין נישט קיין חילוק אן ארץ ישראל איד, א חו"ל'דיגער איד, א ספרד'ישער א לומד'ישער איד, א מלכות'דיגע' איד, א נארישער, אוי... אין די יעצטיגע טעג, וואס מיר טרויערן אויף די חורבן בית המקדש, מיר זענען געוואוינט צו ליינען ביכער פון די גליות וואס אידישע קינדער האבן מיטגעמאכט. איך האב יעצט געליינט א בוך וועגן קאמוניזים, ווען עס האבן זיך אנגעהויבן רדיפות אויף אידן אין רוסלאנד, שרייבט יענער איבער יענע תקופה ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט אין אומאן, אנהייב פונעם בוך קען מען נאך זען אזעלכע אויסדרוקן ווי "ענדערש זאל מיין זון זיין א קאמוניסט ווי איידער א ברסלב'ער", אבער ווי אביסל שפעטער זעט מען אז עס איז שוין נישט געווען קיין נפקא מינא, די אלע נעמען וואס מען לייגט פאר דאס ווארט 'איד' זענען פלוצלינג פארשווינדן געווארן, עס איז שוין נאר געווען דאס ווארט 'איד'. אז א איד איז געווען גרייט אויף מסירות נפש, נישט צו שיקן די קינדער אין די אידישע קאמוניסטישע סקול'ס וואס דאס האט באדייט א זיכערע פיינפולע טויט שטראף, דארט איז שוין נישט געווען קיין נפקא מינא צי א חב"ד חסיד, א ברסלב'ער חסיד אדער א מאכניווק'ער חסיד, צי א סקווירא'ער חסיד, אדער א ראחמעסטריווקא חסיד. אויב האט זיך געפינען א איד וואס איז גרייט געווען





צאמצונעמען קינדער און לערנען מיט זיי תורה אונטערערדיש, האבן זיך אלע קינדער פון די מסירות נפש אידן דארט צאמגעטראפן, דאס ווארט איד האט אלע פאראייניגט.

איך האב לעצטנס געזען א שטיקל אין אשר בנחל, שרייבט דארט מוהרא"ש זי"ע וועגן יענע תקופה אין רוסלאנד: אין אומאן איז ליידער געווען אזא בלינדע שנאה צו ברסלב, קיינער נישט געוואלט איבערטרעטן די שוועל פונעם ברסלב'ער קלויז, אבער שפעטער ווען אלע שולן זענען שוין ליידער געווען פארשלאסן, און די ברסלב'ער קלויז האט נאך פונקציאנירט אפאר יאר, זענען אלע געקומען דאווענען דארט אונעם ברסלב'ער קלויז, ליידער האבן מיר בייגעוואוינט ווי דער פרשת אלה מסעי ישראל, די גליות, דאס וואנדערן, די צרות פון אידישע קינדער, דארט האבן זיך אלע סארטן אידן פאראייניגט.

מיר האבן אבער נישט קיין כח צו ווארטן אויף קיין פרשת מסעי אונז צו פאראייניגן, און מיר האלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן אז דא וואו מיר זענען, יעדער איינער אין זיין פלאץ וואס דער גלות האט אים אהינגעברענגט, זאל שוין נישט דארפן וואנדערן, מיר זאלן שוין ווערן אויסגעלייזט פון דארט וואו מיר זענען. לאמיר נישט ווארטן אז דער גוי זאל חס ושלום אונז דארפן דערמאנענן: 'איר זענט איין גרויסע פאלק' לאמיר בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן: הייליגער באשעפער העלף איך זאל ליב האבן יעדן איד, איך זאל רחמנות האבן אויף יעדן איד, איך זאל חס ושלום נישט ווי' טון קיין שום איד, אייבערשטער איך האב שלעכטע מידות, איך האב פיינט דעם איך האב פיינט יענעם, איך קען מיך נישט קיין עצה געבן מיט מיינע שלעכטע מידות, איך קען מיך נישט קיין עצה געבן מיט מיין ש'נאה ק'נאה ר'ציחה, און איך ציטער אז ווער ווייסט וואספארא צרה עס וועט חס ושלום דארפן געשען כדי אונז צו פאראייניגן, איך בעט דיך באשעפער דו האסט מיך באשאפן מיט מיינע אלע נאטורן, איך זע אז איך קען נישט קענען פארליידן מיינע טייערע אידישע ברודער, העלף מיך עס אויסארבעטן, געב מיר א נייע הארץ, א לב בשר, אייבערשטער ווארט אויף מיר, אז אפילו ביזדערווייל ווען איך האב נאך נישט ליב יעדן איד בשלימות, שיק נישט קיין מ"ב מסעות וואס זאל מיך באצווינגען זיך צו פאראייניגן מיט יעדן איד, איך האב נישט קיין כח צו ליידן, העלף אז אלע אידן זאלן זיך פילן ווי איין גרויסע נשמה.

דאס איז זייער גוטע נייעס, וואס מיר קענען מעלדן אין די סאמע טרויעריגסטע טאג פון יאר, שבת שחל בו תשעה באב, אז מען קוקט גוט אריין אין די לאנגע גלות יארן זעט מען אז אלע צרות, אלע גזירות, אלעס אלעס איז נאר געקומען ווייל אידן האבן זיך פיינט געהאט איינער דעם אנדערן, עס איז ליידער נישט געווען קיין אנדערע אויסוועג צו פאראייניגן אידישע קינדער נאר זיי צו שיקן אין גלות אלע אידן אינאיינעם, און יעדע שטיק צייט האט ליידער נאכאמאל פאסירט עפעס שרעקליך און כלל ישראל זענען געווען אחת לצרה.

אבער ברוך השם אז מיר האבן די עצה פון הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז אויס בעטן דעם אייבערשטן, וועלן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף נישט ווארטן אויף קיין דערמאנונג, נאר מיר וועלן האלטן אין איין בעטן דעם באשעפער, העלף אונז לעבן בשלום, און נישט דער גוי זאל שרייען, העי שמוציגער איד גאו בעק טו ברוקלין, גאו בעק טו פאלעסטיין, גייט אייך צוריק קיין ברוקלין, גייט אייך צוריק קיין פאלעסטיין (ארץ ישראל), נאר דו אייבערשטער זאלסט שרייען אויף אונז מיט'ן גרויסע שופר "העי! הייליגער איד, קומט שוין צוריק קיין ארץ ישראל, מיט משיח צדקינו", במהרה בימינו אמן!

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

**קרית ברסלב בלעטל**

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

## צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין

אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

## היכל הקודש
# נייעס

ירושלים

### אידישע וועלט באוויינט די פטירה פונעם גרויסן גאון וצדיק מרן רבי יצחק טוביה ווייס זצוק"ל, גאב"ד ירושלים



דאס הארץ פון יעדן ערליכן איד האט פארפעלט א קלאפ ווען מען האט געהערט דעם מוצש"ק נאכן זמן די שווערע נייעס וואס איז געקומען פון ארץ הקודש, אז דער גרויס פוסק און גאון מרן גאב"ד ירושלים זצוק"ל האט צוריק געגעבן זיין נשמה צום כסא הכבוד דעם פארגאנגענעם שבת קודש אין די פארטאגס שעה'ן, נאכדעם וואס דער רב זצוק"ל איז געווען אין א שווערע מצב די לעצטע וואך צייט.

דער גרויסער גאון, איז געבוירן געווארן מיט כמעט 96 יאר צוריק אינמיטן חודש אלול שנת תרפ"ו אין שטעטל פעזינג אין סלאוואקיע, אלס דער אינגסטער זון צו זיין טאטע הרב שלמה ז"ל, א תלמיד פונעם בעל שבט סופר זי"ע. רבי שלמה האט געצויגן זיין חיונה פון א האלץ געשעפט, און האט פארגעלערענט שיעורים אין זיין שטאט.

אין זיינע אינגע יארן האט ער צוליב די גזירת המלכות געמוזט לערנען אינעם שטאטישן שולע, ביז די מיטאג שעה'ן, דערנאך פלעגט ער לערנען מיט א מלמד וואס זיין טאטע האט געדינגען פאר אים.

ווען דער שרעקליכער צווייטער וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, האט דער אייבערשטער ברוב רחמיו וחסדיו געפירט אז מען האט באוויזן אים ארויפצוזעצן אויפ'ן "קינדער טראנספארט" מיט וואס ער איז אנגעקומען קיין לאנדאן אליינס אן קיין משפחה אלס אינג בחור'ל פון 13 יאר.

אין לאנדאן האט ער פלייסיג געלערנט אין ישיבה "תורת אמת" פון הגאון ר' משה שניידער ז"ל, נאך זיין חתונה אין געיסטהעד האט ער ממשיך געווען דאס לערנען אין כולל וואס איז דאן געפירט געווארן דורך הגאון ר' אליהו דעסלער ז"ל, שפעטער האט ער איבערגענומען ר' אליהו אלס ממלא מקום צו דינען אלס ראש הכולל. ווען ער האט זיך צוריק געצויגן קיין לאנדאן האט אים הגאון ר' אליקים שלעזינגער שליט"א אויפגענומען אלס מגיד שיעור אין "ישיבה הרמה" אין לאנדאן, אזוי אויך איז ער געווארן רב אין בית הכנסת "עץ חיים".

אין יאר תשכ"ז איז ער אריבער וואוינען קיין אנטווערפן - בעלגיע, דארט האט ער געדינט אלס מגיד שיעור אין ישיבת ווילרייק, אזוי אויך האט מען אים אויפגענומען אלס דיין אין די קהלה מחזיקי הדת, ווי ער האט געדינט דעם אייבערשטן און גע'פסק'נט שאלות פאר אידן פינף און דרייסיג יאר.

מיט ניינצן יאר צוריק אום י"ד תמוז תשס"ג, ווען דער ירושלימער רב הגאון הגדול מרן ישראל משה דושינסקי זצ"ל איז נסתלק געווארן, האט מען גערופן דעם גרויסן גאון פון אנטווערפן זאל קומען קיין ירושלים איבערנעמען דעם גרויסן אמט און דינען אלס רב פון די "עדה החרדית" אין ירושלים עיר הקודש, א תפקיד וואס ער האט אויסגעפירט מיטן גרעסטן מאס שטארקייט, און האט געפירט די פולע מערכות פון די ערליכע אידן אין ארץ ישראל, און זיך נישט געשראקן פאר קיינעם.

דער גאב"ד האט געהאט א געוואלדיגע הערצה צום הייליגן רבין און זיינע תלמידים, ער איז געווען זייער נאנט מיט אסאך ברסלב'ע חסידים וועמען ער האט זייער מעריך און מחשיב געווען. מען האט געזען די גרויסע חביבות וואס ער האט געהאט צום הייליגן רבין ווען ער האט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט וואס מען האט אים נאר גערופן צו באשיינען אין ברסלב, ווי ער פלעגט אלץ קומען מפאר זיין בראש. אזוי אויך יעדעס מאל ווען מחבלי כרמים האבן נאר פרובירט צו פירן מערכות קעגן הייליגן רבין און זיינע תלמידים פלעגט ער זיך אלץ ארויסשטעלן בראש און זיך אננעמען פאר כבוד התורה, ער פלעגט אלץ זאגן אז ביי זיינע רבי'ס ווי ער איז אויפגעוואקסן פלעגן זיך אלץ געפונען דעם רבינ'ס הייליגע ספרים אויפן טיש צווישן די ספרים וועלכע זיי האבן געלערנט כסדר.

**גדולה מיתת צדיקים יותר משריפת בית אלוקינו**

היכל הקודש

# נייעס

אמעריקע

## זוהר הקדוש מיט'ן פירוש פונעם ראש ישיבה שוין דא צו באקומען אויף סובסקריבשאן



אין די לעצטע וואכן האבן שוין פילע געהאט די געלעגענהייט צו לערנען אין די נייע וועכנטליכע קונטרסים "חזית איש" וואס איז א הערליכע פירוש פון ראש ישיבה פול מיט פערל ווערטער אויף די הייליגע ווערטער פון רבי שמעון בר יוחאי אינעם זוהר. די פריים מעמבערס וואס באקומען אלעס וואס ווערט געדרוקט יעדע וואך אינעם קרן הדפסה האבן דאס שוין באקומען וועכענטליך אינאיינעם מיט זייער פריים פעקל וואס זיי באקומען צוגעשיקט צום טיר.

אויך גייט יעצט אן א פראמאושען אז אלע וואס שרייבן זיך איין ביז חמשה עשר באב צו באקומען וועכענטליך אונזער אויסגאבע "קרית ברסלב בלעטל" וועלן באקומען דעם וועכענטליכן "זוהר" קונטרס בחנם פאר דריי חדשים אינאיינעם מיט זייער סובסקריבשאן.

דער קונטרס - זאגן אלע - איז מחיה און מעודד די וואס לערנען דערין, דער ראש ישיבה ערקלערט אזוי זיס די ווערטער פון הייליגן זוהר, וואס האלט אין איין ארויסברענגען די שיינקייט פון די תורה, די זיסקייט פון אידישקייט, און ווי שטארק דער אייבערשטער האט ליב יעדן איד, און ווי השי"ת איז זיך משתעשע און טשאטשקעט זיך מיט יעדע ווארט וואס א איד רעדט צו אים.

יעצט איז געקומען די גוטע נייעס, אז דער סובסקריבשאן אפציע איז שוין געווארן געעפענט פאר אלעמען.

פארבינדט זיך שוין מיטן קרן הדפסה דורך רופן אדער טעקסטן 845-640-1743, אויף טעלעפאון מעסעדזשינג קען מען זיך ווענדן צום נומער 845-747-0832.

אומאן

## פרישע אומאן אפדעיטס פאר ראש השנה תשפ"ג הבא עלינו לטובה



ווי שוין עטליכע מאל באריכטעט ווערט אין די טעג אסאך ארומגערעדט איבער די פארשידענע וועגן וויאזוי מען קען אנקומען קיין אומאן אויף ראש השנה נאכדעם וואס די לופטפעלדער אין אוקראינע זענען נאך דערוויילע פארשפארט.

אזוי ווי דער נענטסטער עירפארט אינדרויסן פון אוקריינא צו אומאן איז אין שטאט "קישינעוו" אינעם לענדל "מאלדאווא". איז פאריגע וואך אפגעהאלטן געווארן א זיצונג אין קישינעוו, ווי דער אוקריינישער קאנסול, דער מאלדאווער הויפט-רב הר"ר פנחס זאלצמאן שליט"א מיט נאך עטליכע ברסלב'ע עסקנים און כלל טוער האבן זיך צוזאמגעזעצט און דורכגעשמועסט די מצב פון די גרעניצן, מען האט ערקלערט פארן קאנסול ווי וויכטיג עס איז פאר די טויזנטער חסידי ברסלב זיך צו געפונען אין אומאן אויף ראש השנה, און מען האט דורכגעשמועסט די זיכערהייט סיטואציע, און די מצב ביים גרעניץ וואס איז געווען לעצטענס שטארק פראבלעמאטיש.

דער אוקריינישער קאסול אין מאלדאווע האט דערקלערט איז פון אוקריינא'ס זייט איז דער לאנד גרעניץ פולקאם אפן, און זיין אפיס איז גרייט צו העלפן סיי ווער עס דארף הילף זייענדיג אין מאלדאווע. לויט ווי הרב פנחס זאצלמאן זאגט איז דער זיצונג דורך מיט גרויס הצלחה, און ער איז איבערצייגט אז די רעגירונגען פוןביידע לענדער זענען פולקאם ווילינג צו העלפן זיכער מאכן אז בעז"ה אז אלעס זאל דורכגיין מיט הצלחה.

אנשי שלומינו זענען מתפלל אז מען זאל טאקע קענען אנקומען צום הייליגן רבי'ן מיט אייבערשטנ'ס הילף אויף ראש השנה און פועלן א גוט געבענטשט יאר.



# מעשיות פון תפילה

## יצחק פאפנהיים - ירושלים:

א) ארויספארנדיג פון ארץ ישראל קיין אמעריקע צו ווילן אין שטעטל האב איך געפלאנט צו נעמען מיט מיר נאר א קליין רענצל ווייל איך האב נישט געוואלט שטיין לאנגע שעות אין לופטפעלד אין אזעלכע צייטן.

למעשה האב איך גענומען מער ווי איין קליין רענצל, איך האב געהאט נאך עטליכע נישט קליינע פעקלעך און איך האב נישט געוואוסט צו מען וועט מיר ארויפלאזן אויפ'ן פליגער מיט אלע פעקלעך - בפרט ווען אין די טיקעט איז געשטאנען אז צוליב די גרויסע מאסן מענטשן וואס פארן אין די תקופה איז מעגליך אז מען וועט נישט יעדן לאזן ארויפברענגען פעקלעך אויפ'ן פליגער.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל מיר ארויפלאזן מיט אלע פעקלעך אן קיין פראבלעמען, און שכח אייבערשטער אלעס איז דורך בשלום.

ב) ברוך השם אז איך בין זוכה אויסצושטעלן וועכנטליך די זוהר מיט'ן שיינעם פירוש "חזית איש" וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט.

זייענדיג אין שטעטל די פאראגנגענע וואך האב איך עס געדארפט טון אין שטעטל, איך האב געבעטן איינעם א טובה צו נוצן זיין קאמפיוטער עס אויסצושטעלן. פלוצלינג טיף אינמיטן די ארבעט ווען עס איז שוין געווען כמעט אינגאנצן גרייט האט די לעקטער אין שטעטל געקראכט און די קאפיוטער האט זיך פארלאשן.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ווען די קאמפיוטער וועט זיך צוריק אנצינדן זאל זיך עס אנצינדן ביי די פלאץ וואו איך האב געהאלטן און איך זאל נישט דארפן אנהויבן די ארבעט פונדאסני, ווייל די צייט איז געווען ענג און איך האב נישט געוואלט פארפאסן די טעגליכע שיעור התחזקות פונעם ראש ישיבה.

שכח אייבערשטער אז אזוי איז טאקע געווען, ס'האט זיך געעפנט פונקט וואו איך האב געהאלטן און איך האב נאר געדארפט צוענדיגן אפאר קלייניגקייטן און ס'איז געווען פארטיג.

## אלחנן זויבערמאן - ירושלים:

איך האב געדארפט ארום פארן הפצה אין די שטעט ארום ירושלים און כ'האב נישט געהאט קיין קאר דערפאר, וויפיל איך האב מיך נאכגעפרעגט ביי חברים און נאנטע איז גארנישט געלונגען, איך האב נישט געקענט שאפן קיין קאר.

האב איך מיך דערמאנט אין די עצה פון תפילה און כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן אז כ'זאל עפעס טרעפן, ש'כח אייבערשטער גלייך נאכדעם טרעף איך איינעם וואס איך בין נישט אזוי נאנט מיט איהם און איך פרעג איהם צו ער האט א קאר פאר מיך רופט ער זיך אן: "יא, נעם די שליסל..." שכח אייבערשטער, ס'איז געווען א פיינעם קאר.

אינמיטן וועג איז די קאר געווארן איבערגעהיצט און איך האב זיך געמוזט אפשטעלן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן די קאר זאל שיך שנעל אפקילן און איך זאל ווייטער קענען גיין ראטעווען אידישע קינדער, שכח אייבערשטער אז נאך ממש אפאר מינוט האב איך שוין געקענט ווייטער פארן.

שכח אייבערשטער!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**
שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט טַעֲנָה'ֶען מִיט דַיין וַוייבּ.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן, אַז דוּ ווילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים אָבֶער דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט, זִי זָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן דֶערְפוּן; דוּ ווילְסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נִישְׁט טַעֲנָה'ֶען, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, מִיט כֹּחַ הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוואוּנֶען דִי וַוייבּ.

**רֶעד צוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט**; זָאג אִיר וִוי שְׁטַארְק דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִיר זוּךְ נִישְׁט אִיר צוּ אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דוּ זָאלְסְט נָאר רֶעדְן פוּן דִיר, וִוי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט גֵיין.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת, דוּ וֶועסְט **בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל** אוּן דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט נִישְׁט טַעֲנָה'ֶען מִיט אִיר אוּן נִישְׁט זוּכְן אִיר צוּ אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין - וֶועט זִי זִיךְ בְּרֶעכְן פַאר דִיר, זִי וֶועט דִיר שִׁיקְן צוּם רֶבִּי'ן מִיט שִׂמְחָה.

בְּנוֹגֵעַ הַפָּצָה; יֶעצְט וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ אַ שְׁטַארְקֶע מִתְנַגֶּדֶת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַלֶע דַיינֶע פְּלֶענֶער פוּן הַפָּצָה, זִי פַארְשְׁטֵייט נָאךְ נִישְׁט וָואס מֵיינְט הַפָּצָה, דוּ זָאג אִיר אַז דוּ גֵייסְט עֶרְלֶעדִיגְן דַיינֶע זַאכְן אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאכְן הַפָּצָה.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר הָאט גֶעטוּן וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה מֶעג צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר זִיךְ; זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זִי הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, זִי פְלֶעגְט פַארְלַאנְגֶען עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אָן צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט. רוֹב טָאג אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה אוּן נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיין טַייעֶרְן רֶעקְל, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר גֵייט צוּם פָּרִיץ, עֶר הָאט גֶעשֶׁעפְּטְן מִיטְ'ן פָּרִיץ. זִי אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז אַזַא פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט, עֶר מַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן מִיטְ'ן פָּרִיץ; עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אָן דֶעם וָואס זַיין וַוייבּ זָאל וִויסְן וָואס עֶר טוּט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**




# נָאכְגֵיין אַ עֶרְלִיכְן אִיד

**אִין אַ שְׁמוּעס וֶועגְן צַדִּיקִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּ אַ פְּלַאץ, צוּ אַ לַאנְד וָואס עֶר קֶען נִישְׁט דֶעם שְׁפְּרַאךְ, עֶר וַוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין אוּן וואוּ צוּ קוּמֶען, נֶעמְט עֶר אַ פָארְגֵייעֶר, מֶען רוּפְט עֶס: **'אַ טוּר גֵייד'** אֵיינֶער וָואס זָאל אִים אַרוּמְפִירְן אִיבֶּערָאל, עֶר זָאל אִים וַוייזְן וואוּ מֶען קֶען קוֹיפְן עֶסְן אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן, עֶר גֵייט אִים נָאךְ וואוּסֶענְדִיג 'אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס פִירְט מִיר, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט מִיר דָא הֶעלְפְן זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן', אוּן אוֹיבּ לָאזְט עֶר אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶר צוּרִיק פַארְיָאגְט, אוּן וַוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין

### דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן

וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ נֶעבְּן דֶעם צַדִּיק? אַז מֶען נֶעמְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר דֶערִין; דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָּל אַלֵיינְס צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס שְׁטֵייט דָארְט, קֶען עֶר גֵיין צוּ אַ חַבֶר אִים בֶּעטְן: "בְּרוּדֶער, וָואס שְׁטֵייט דָא אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט) וֶוען דֶער תָּם הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם קֶענִיג הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם שְׁלִיחַ וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם בְּרִיוו: "אִיךְ וֵוייס זִיךְ נִישְׁט וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו, לֵיין אִים פַאר מִיר", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"דֶער קֶענִיג וִויל דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ אִים"**, אִיז עֶר תֵּיכֶף גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג. אוֹיךְ קֶען מֶען קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֶערְן דִי דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן.



# א מעשה
## פון א צדיק

### דו בִּיזְט נִישְׁט מַיין פָּאסְט טְרֶעגֶער

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶבִּי מֹשֶׁה גְלִידְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [אַ שְׁוָואגֶער מִיט הרה"ח רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶר זַצַ"ל, עֶר הָאט סוֹף יָמָיו גֶעוואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען הָאט אִים גֶערוּפֶען רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוֹבֶער נָאכְן שְׁטָאט פוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען].

זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ גַאנְצֶע וָואךְ, גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג פְלֶעגְט עֶר אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי הוֹיפְּט גַאס פוּן יְרוּשָׁלַיִם [רְחוֹב יַפוֹ] פוּן אֵיין גֶעשֶׁעפְט צוּם צְוֵוייטְן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן אוּנְטְן בַּיים עֶרְשְׁטְן נוּמֶער אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קוֹדֶם אוֹיף אֵיין גַאנְצֶע זַייט, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט גַאס, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: אִידְן, גֶעבְּט לְכָבוֹד שַׁבָּת! גֶעבְּט לְכָבוֹד שַׁבָּת! אוּן מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן אַרַיינְוָוארְפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג אוֹיף שַׁבָּת, אוּן עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעבְלִיבְּן צוּ פַארְטֵיילְן פַאר נָאךְ אָרִימֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף שַׁבָּת.

אָבֶּער אַלְץ אִיז אוֹיךְ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אַ פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הַארְץ אוּן גֶעבְּן נִישְׁט קַיין צְדָקָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַ תֵּירוּץ אִין דֶער זַייט "זָאל יֶענֶער גֵיין אַרְבֶּעטְן" אָדֶער דָאס גְלַייכְן, אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט אַזֶעלֶכֶע צַדִיקִים...

אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט מַמָשׁ אַ פַארְבִּיסֶענֶער וָואס יֶעדֶע מָאל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים נָאךְ גֶעלְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט אַ קַאלְטְקַייט: גֵיי אַרְבֶּעטְן! רֶבִּי מֹשֶׁה הָאט זִיךְ אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אָדֶער בַּאלֵיידִיגְט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט: יַישֶׁר כֹּחַ, דוּ בִּיזְט נִישְׁט מַיין פָּאסְט טְרֶעגֶער!

אֵיינְמָאל זָאגְט אִים יֶענֶער: אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ שִׁילִינְג [דֶעמָאלְטְסְדִיגֶע גֶעלְט], נָאר זַיי מִיר מַסְבִּיר וָואס דוּ זָאגְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַיין פָּאסְט טְרֶעגֶער?!

עֶרְקְלֶערְט עֶר אִים, אִין אֱמֶת'ען שִׁיקְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֶענוּג וִויפִיל עֶר דַארְף הָאבְּן בִּיז זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין, נָאר וִוִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט שְׁפְּרֵייט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיס זַיין גֶעלְט אִיבֶּערָאל, אוּן עֶר מוּז עֶס גֵיין צַאמְנֶעמֶען, וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט - עֶנְדִיגְט עֶר אִים מַסְבִּיר זַיין - וָואלְט מִיר דִי גֶעלְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אוּן אִיךְ וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין, נָאר וִוִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט הָאט דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּערָאל, אוּן אִיךְ דַארְף גֵיין זַאמְלֶען אִיבֶּער דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוּן אִיבֶּער דִי הַייזֶער, אוּן וואוּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיז שַׁיָיךְ פַאר מִיר גֶעבְּט מֶען מִיר, אָבֶּער אַז דוּ גֶעבְּסְט מִיר נִישְׁט אִיז אַ סִימָן אַז בַּיי דִיר אִיז נִישְׁטָא גֶעלְט וָואס אִיז שַׁיָיךְ פַאר מִיר.

עֶס אִיז פוּנְקְט וִוי אֵיינֶער וֶועט גֵיין צוּם פָּאסְט טְרֶעגֶער פוּן אַן אַנְדֶערֶע גַאס אוּן אִים אָנְשְׁרַייעֶן: וואוּ אִיז מַיין פָּאסְט? פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ מִיר נִישְׁט מַיין פָּאסְט? וֶועט עֶר אִים גְלַייךְ פְרֶעגְן וואוּ עֶר וואוֹינְט, אוּן אַז עֶר וואוֹינְט גָאר עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, וֶועט עֶר אִים זָאגְן: וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר? אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט דַיין פָּאסְט, גֵיי צוּ דִי פָּאסְט מֶענְטְשׁ פוּן דַיין גַאס. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז אֵיינֶער וִויל מִיר נִישְׁט גֶעבְּן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין טַעְנוֹת צוּ אִים, מִסְתָּמָא אִיז עֶר נִישְׁט מַיין פָּאסְט טְרֶעגֶער, דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אִים שְׁ'כֹּחַ - גוּט אַז עֶר הָאט מִיר דָאס גֶעמָאלְדְן.

(קונטרס "א רואיגע לעבן")



# דעם רבינ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 42

**פארזעצונג פון פריער:** נָאךְ פֶּסַח הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אִינְמִיטְן וֶועג, זַייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן שִׁיף אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דָארְט אַ מִשְׁנַיוֹת און דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין.

...

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין אִיסְטַאנְבּוּל הָאבְּן זֵיי שׁוֹין וִוידֶער גֶעהַאט יִסוּרִים און זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ סַכָּנָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט גֶעוִויזְן זֵייעֶרֶע פַּאסְפָּארְטְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין, און דֶערְפַאר הָאט מֶען זֵיי יֶעצְט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרִיבֶּערְלָאזְן. מְ'הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף זֵיי אַ פַארְלַאנְג פַאר אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען פַּאסְפָּארְטְן פוּנֶעם טֶערְקִישְׁן סוּלְטַאן, דִי סוּמֶע אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט עֶס צוּ צָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי און גֶעשִׁיקְט עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשׁ וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט, און יֶענֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶער אַרַאבִּישֶׁער מִינִיסְטֶער און אִים אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְט. זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִויפִיל יֶענֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אָבֶּער בַּאקוּמֶען אַ צֶעטְל פוּנֶעם מִינִיסְטֶער אַז מְ'זָאל זֵיי גֶעבְן רְשׁוּת אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין טוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵיי אָנְגֶעוָוארְנְט זֵייעֶר שְׁטַארְק זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן פַאר זֵיי, און אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן בְּשָׁלוֹם.



**גאליטי, ראמעניע היינטיגע צייטן**

אִין אִיסְטַאנְבּוּל הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר צֶען טֶעג. דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף צוּ פָארְן פוּן אִיסְטַאנְבּוּל קַיין גַאלַאץ [גַאלִיטִי, הַיינְט אִין רָאמֶענְיֶע].

אִינְמִיטְן וֶועג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַן אִינְזְל מִיטְ'ן נָאמֶען "דִי שְׁלַאנְגֶען אִינְזְל" [פִּידְדוֹינִיסִי בְּלַעַ"ז], דָארְט הָאט מֶען זֵיי אַרֶעסְטִירְט און אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין טוּרְמֶע, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֶעבְן פִיר גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, און דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט צוּרִיק גֵיין צוּם שִׁיף, און דָארְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעפָארְן בְּשָׁלוֹם בִּיזְ'ן שְׁטָאט גַאלַאץ.

פוּן דָארְט און וַוייטֶער אִיז דִי וֶועג אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אָן קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, נָאר עֶטְלִיכֶע מָאל הָאט דֶער יַם גֶעשְׁטוּרֶעמְט. אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן נֶעבְן זֵיי אַ שִׁיף פוּל מִיט גְרֶעקְן וָואס הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן און אַייַנְגֶעזִינְקֶען, נָאר אַ קְלֵיינֶע צָאל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט פוּן יֶענֶעם שִׁיף. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי זֶענֶען וַוייטֶער גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, און אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם קַיין גַאלַאץ.

אוּם פְרַייטָאג, ד' סִיוָן, [עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ], אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין גַאלַאץ, און עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן גַאלַאץ דוּרְכְ'ן שְׁטָאט יַאס.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְגַאנְג, און זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע יִסוּרִים בַּיי יֶעדֶע שְׁטָאט און דָארְף וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דֶעם גְרֶענִיץ צוּלִיב דֶעם אוּנְטֶערְגַאנְג, וַוייל מְ'הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַרִיבֶּערְצוּלָאזְן מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי קְרֶענְק אִין לַאנְד.

זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט טוּישְׁן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן וִוי יוּנְגֶע סוֹחֲרִים אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַייַנְגֶעפִירְט, און דֶערְפַאר הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן טוֹעֶה גֶעוֶוען און זֵיי אָנְגֶעקוּקְט וִוי קַלִים.

זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ דֶענִיעֶסְטֶער, און דֶערְנָאךְ דֶעם טַייךְ בּוּג, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְקוּמֶען צוּם שְׁטָאט טֶעפְּלִיק אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ.

קֵיינֶער הָאט זֵיי דָארְט נִישְׁט גֶעקֶענְט, און זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מְלַמֵּד און אִים גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת, דֶער מְלַמֵּד הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען גַנָבִים.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל



## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשע״ה לפ״ק**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶע אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה סִפְרֵי מוֹהֲרָא״שׁ אִין דִי וֶועלְט, יֶעצְט בִּיסְטוּ טַאקֶע גֶעדְרִיקְט אוּן דִי מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ מִיט גֶעלְט וְכוּ׳, אָבֶּער וַוארְט נָאר וַוארְט, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין גֶעדְרִיקְט נָאר דוּ וֶועסְט הָאבְּן **אַ שֵׁיינֶע הֵיכַל אִין גַן עֵדֶן** פַּאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, פוּן דִי אַלֶע זְכוּתִים וָואס מֶענְטְשְׁן טוּהן, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס, אוּן דָארְט וֶועט שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְּן גָארְנִישְׁט, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָא בַּאקְוֶועם אוּן גֶעהַאט גֶעלְט וְכוּ׳, דָארְט קֶען זַיין אַז זֵיי וֶועלְן גָארְנִישְׁט הָאבְּן, וַוייל **דָארְטְן אִיז חָשׁוּב וֶוער עֶס הֶעלְפְּט אַ צְוֵייטְן**, אוּן וֶוער עֶס הָאט פוּן זִיךְ אַוֶועק גֶערִיסְן דִי עוֹלָם הַזֶּה, אוּן נָאר גֶעוָואלְט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

דֶערְפַאר טַייעֶרֶע אַבְרָהָם הֶערְשׁ אִיךְ בֶּעט דִיךְ סֵיי דוּ זָאלְסְט דִיךְ אַלֵיין שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵק זַיין, אוּן אוֹיךְ זֵיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל וִויסְן וָואס פַאר אַ זְכִיָה זִי הָאט אַז זִי הֶעלְפְּט דִיךְ, אוּן זִי שְׁטַארְקְט דִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען וַוייטֶער מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

**הַצְלָחָה פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיז שְׁטָאלְץ מִיט אַזַא תַּלְמוּד וִוי דִיר.**

## א מעשה פון הפצה

**א אינגערמאן פארציילט:**

לאמיר אייך איבערגעבן א אינטערעסאנטע מעשה; א אינגערמאן דערציילט מיר, ער איז געגאנגען הפצה, ער געבט פאר א אינגערמאן אן עצתו אמונה, און זאגט אים: ״אז דו וועסט ליינען די בריוון וועט זיך דיין גאנצע שטוב טוישן!״, האט זיך דער יונגערמאן אנגערופן: ״ס׳קען נישט זיין! דו קענסט נישט מיין ווייב! מיין שטוב גייט זיך נישט טוישן פון א פשוט׳ע בריוו, מ׳דארף האבן א ספעציעלע פסיכילאג צו טוישן מיין שטוב!״, האט דער מפיץ געענטפערט: ״פרוביר עס אויס, אז דו וועסט פאלגן אלעס וואס שטייט אין די בריוון זאג איך דיר צו ס׳וועט זיך טוישן, אז נישט באקומסטו צוריק די געלט!״ דער אינגערמאן האט מסכים געווען, ער זאגט ער וועט עס אויספרובירן.

נאך א שטיק צייט טרעפט ער דעם אינגערמאן, און ער פארציילט פאר׳ן מפיץ אז זיין גאנצע שטוב האט אויפגעלאכטן ברוך השם, ער פרעגט דער מפיץ: ״האסטו גערעדט מיט מיין ווייב אז זי זאל זיך טוישן, כדי צו ווייזן אז די בריוון האבן געהאלפן?״...

ס׳איז אים גרינגער צו טראכטן אז דער מפיץ האט גערעדט מיט זיין ווייב, ווי צו גלייבן אז די עצות פון א צדיק ארבעט!...

אז מ׳פאלגט די עצות פון א צדיק, האט מען א שיינע לעבן!

שיקט אריין אייער מעשה צו 845-379-1161



צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## אפדעיטס פון די חנוכת הבית פארן בנין קרן הדפסה

פרייליכע נייעס קומט אריין פונעם קרן הדפסה, אז מ'האלט שוין אינמיטן די העפטיגע צוגרייטונגען צום גרויסן מעמד חנוכת הבית פארן נייעם בנין "קרן הדפסה היכל הקודש" אין די גלילות פון שטעטל (אפשר גאר אין די גלילות פונעם נייעם שטעטל...).

די פלאן איז געווען צו מאכן א שיינעם מעמד חנוכת הבית אינעם נייעם בנין פאר די גאנצע קהילה, אלע זאלן קענען מיטהאלטן דעם שיינעם איינמאליגן מעמד, אבער היות דער בנין קרן הדפסה איז נישט אויסגעשטעלט פאר אזא מעמד און ס'איז נישטא גענוג פלאץ אריינצונעמען אזא עולם, וויבאלד די פלאץ איז אנגעפילט מיט די מאשינען צום דרוקן, און דאס קען מען נישט אוועקנעמען פאר קיין איין טאג, ווייל די מאשינען דארף זיין גרייט צו דרוקן ספרים יעדן טאג, במילא וועט די מסיבה זיין מיוחד פאר די אלע וואס האבן אריינגעברענגט די סכום פון אכצן הונדערט דאלער און העכער.

ווי פארשטענדליך וועט דאס זיין א הערליכע מסיבה וואס לוינט זיך נישט צו פארפאסן, אויב האט איר נאכנישט אפגעצאלט דעם גאנצן סכום פון אכצן הונדערט דאלער פארן בית הדפוס, ביטע פארבינדט אייך מיטן גבאי האברך ר' לייב ראטה הי"ו אויף 347-578-4449

# בילדער פון קרן הדפסה



ספעציעלע פאפיר צו דרוקן דעם בלעטל אנגעקומען אין די טעג



ספר "ריינע אויגן" ארויס פון דרוק




תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל באזוכט דעם בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **מרדכי ראזענפעלד**<br>וויליאמסבורג | **מנחם אראן**<br>בארא פארק | **הרוצה בעולם שמו**<br>דזשערזי סיטי |
| **שמואל בלעדי**<br>בארא פארק | **הערשל זאבעל**<br>מאנסי | **שלום יצחק מאסרי**<br>ארגענטינע |
| **מנחם זאב שטערן**<br>סטעטן איילענד | **אברהם דוד לאקס**<br>קרית ברסלב | **שמעון פארטיגאל**<br>מאנסי |
| **מאטי היימליך**<br>קרית ברסלב | **יודא ליעבערמאן**<br>טאמס ריווער | **יואל פעדער**<br>וויליאמסבורג |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103# email:donate@kerenhadfusa.org whatsapp: 347.578.4449



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס פנחס תשפ"ב

געלויבט דער אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע און הערליכע שבת'דיגע סעודה די וואך פרשת פנחס מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול זייער פרייליך און געגריסט: "גוט שבת! גוט שבת!".

דער ראש ישיבה האט אנגעטון זיין ווייס און גאלדענע בעקיטשע און פארציילט אז דאס איז א ירושה פון זיין זיידע, און ער טוט עס אן פרייטאג צונאכטס ווייל דער אר"י הקדוש האט געזאגט אז מען זאל גיין שבת אנגעטון ווייס.

### זמירות שבת

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען זינגען זמירות מיט א פרייליכקייט און א געשמאק, און גערופן אלע קינדער זאלן זיך אראפזעצן נעבן אים און מיטזינגען זמירות, ווייל די מלאכים זענען דא און זיי ווילן הערן ווי שיין מען זינגט זמירות.

### געווארן טמא

אינמיטן זינגען האט די קליינע מענדל זיך אראפגעזעצט און זיין שיך האט אנגערירט דער ראש ישיבה'ס הענט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אוי, דו האסט מיך געמאכט טמא", דער ראש ישיבה איז זיך געגאנגען וואשן די הענט, און גלייך צוריקגעקומען און ווייטער געזינגען זמירות מיט א פרייליכקייט.

נאכן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים, און ארומגעשיקט די הדסים פאר אלעמען, פון די עלטסטע ביז די יונגסטע.

### הנהגות נאך די חתונה

פארן מאכן קידוש האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די קינדער: "קוקטס גוט וואס איך טו, אזוי וועלן ענק וויסן וואס צו טון נאך ענקער חתונה". און דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן אז פאר קידוש גיסט מען אריין פונעם בעכער אין די ווין באטל דריי טראפעס וואסער.

### ס'געשעט גרויסע זאכן אין הימל

איינע פון די קינדער האבן געפרעגט: "פארוואס דארף מען עס טון, וואס געשעט ווען מען טוט דאס?", האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט אז אין הימל געשעט גרויסע זאכן, דער אר"י הקדוש האט אונז געזאגט וואס טוט זיך אין הימל. און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו איינע פון די געסט און אים געפרעגט: "דו קענסט טראכטן אז מיט די קליינע זאכן געשעט אזעלכע גרויסע זאכן אויבן אין הימל?"

### מחי' זיין א בחור

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז פאר די זומער האט ער געטראכט אז ער וועט נישט רופן קיין בחורים צו די סעודה, אבער יעצט האט ער געמאכט אן אויסנאם. און דער ראש ישיבה האט פארציילט: "יעדער בחור וואס וויל זיך איינשרייבן אין קעמפ דארף האבן אן אונטערשריפט פונעם ראש ישיבה, און ביי זיין צעטל האט דער ראש ישיבה צוגעשריבן אז ער איז זייער א ווארעמע בחור. האט יענע בחור'ס טאטע פארציילט פאר דער ראש ישיבה אז זיין זון האט זיך אזוי מחי' געווען מיט דעם. האט דער ראש ישיבה געזאגט, איך האב געמיינט אז עס גייט אים נישט אן, אבער איך האב געזען אז ער האט זיך אזוי געפריידט האב איך געטראכט אז איך קען מחי' זיין א בחור וועל איך אים רופן פאר א סעודה".

מען האט נאך אביסל געשמועסט און אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן, "איך קען נישט

<<<<

זיין א שיינע איד אויף יענעמ'ס חשבון, די געסט זענען הונגעריג, מען וועט באלד שמועסן".

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט מיט א שמייכל: "ווער וועט היינט אויפהייבן די בעכער? אפשר די גאסט, אדער אפשר די גאסט פון ארץ ישראל?", און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז היינט וועט איין גאסט אויפהייבן, און מארגן וועט די אנדערע גאסט אויפהייבן די בעכער. דערנאך האט דער ראש ישיבה געמאכט קידוש, און נאך קידוש האט זיך יעדער אראפגעזעצט און דער ראש ישיבה האט געשיקט גרעיפ דשוס פאר אלע אנוועזנדע.

### חינוך איז א שווערע עבודה

נאכדעם האט מען זיך געוואשן, דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער צו די סינק און דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן, און זיי געוויזן צו מאכן א הויכע ברכה.

דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדן חלה, און דער ראש ישיבה האט געהאלפן די קליינע קינדער מאכן קליינע שטיקלעך חלה און זיי געהאלפן מאכן א ברכה המוציא און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "חינוך איז א שווערע עבודה!"

### העלפן די מאמע

דער ראש ישיבה האט געשיקט איינע פון די קינדער אריינברענגען די טעלערס פיש, אז די מאמע זאל קענען בלייבן זיצן. ס'איז געווען אזא פרייליכע אטמאספער ביי די סעודה, וואס איז נישט מעגליך צו באשרייבן. דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער: "ווער ווייסט פארוואס מען עסט פיש שבת? ווייל צדיקים ווערן מגולגל אין פיש, ס'קומט שבת און מען זאגט לכבוד שבת קודש גייען זיי צוריק אין גן עדן".

**דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו איינע פון די געסט און אים געפרעגט: "דו קענסט טראכטן אז מיט די קליינע זאכן געשעט אזעלכע גרויסע זאכן אויבן אין הימל?"**

### דער מלמד שרייט קולות

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז פרייטאג איז ער געווען ביי די קינדער און געגעבן א שיעור, אינמיטן די שיעור האט מען אריינגעהערט פון א אנדערע קלאס ווי דער רבי שרייט זייער שטארק, "מעג מען טשעפענען א אנדערע איד?!", ער האט אזוי געשריגן, דער ראש ישיבה האט נישט געקענט ווייטער פארלערנען. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב געטראכט צו מיר, דאס זענען נישט מיינע מלמדים, אפילו א קינד טוט עפעס נישט גוט, דארף מען נישט מאכן אזעלכע קולות".

שפעטער האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין זון וואס לערנט אין יענע קלאס: "וואס איז געשען היינט אין חדר? ווער האט זיך געקריגט? אויף וועם האט דיין רבי געשריגן?", האט ער געענטפערט אז זיין רבי האט פארציילט די פרשה, אז מען האט געטשעפעט די הייליגע צדיק פנחס, האט דער רבי געזאגט אז מען טאר נישט טשעפענען... דער רבי האט נישט געשריגן אויף א אינגל, ער האט פארציילט די פרשה און געזאגט פאר די קינדער אז מען טאר נישט טשעפענען.

### מעשה פון תפילות

דערנאך האבן אלע קינדער געברענגט זייער מעשה פון תפילה צעטל, און דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשיות פון תפילה. אפאר מאל אינמיטן האט אויסגעזען ווי קיינער הערט נישט אויס, ווייל די קינדער זענען געגאנגען שפילן, האט דער ראש ישיבה אוועקגעלייגט די צעטל און געזאגט: "קיינער הערט מיך נישט אויס", זענען אלע קינדער צוריקגעלאפן און געזאגט: "איך הער אויס! איך הער אויס!" האט דער ראש ישיבה ווייטער פארציילט.

<<<<

### א שטרענגע טאטע

איינע פון די מעשיות פון תפילה איז געווען אז יוסף האט געבעטן דעם אייבערשטן אז זיין רבי זאל זיין שטרענג. און דער ראש ישיבה האט געלאכט און אים געפרעגט: "יא? דו האסט ליב א שטרענגע רבי?" און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב זייער ליב א שטרענגע טאטע".

### איך ווער קראנק פון מחלוקת

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב: "איך האף אז דו ביסט נישט ברוגז אויף מיר, איך האב געגעבן די וואך פאר איינעם א סכום געלט. צוויי אידן אין שטעטל האבן זיך צוקריגט, איינער האט שאדן געמאכט פאר די אנדערע אסאך געלט, און ס'איז געגאנגען אזוי ווייט ביז רציחה, און מסירה". האט זיך איינער אנגערופן: "וואס?! ממש אזוי?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יא, ס'איז געווארן א שרעקליכע מחלוקת".

דער ראש ישיבה האט עס נישט געקענט נעמען, דער ראש ישיבה האט געזאגט מיט ווייטאג: "איך ווער קראנק פון מחלוקת, איך ווער קראנק!", דער ראש ישיבה איז געגאנגען און ארויסגענומען פון זיין אייגענע געלט און באצאלט די שאדן. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב נישט געזאגט פאר יענעם אז דאס קומט פון מיר, איך האב אים געזאגט אז יענער האט חרטה און יענער שיקט דיר די געלט, אזוי איז געווארן שלום צווישן זיי".

דער ראש ישיבה האט געגעבן צו פארשטיין: "אזוי ווי איך בוי מיט מיין געלט בתי מדרשים און מקוואות, אזוי געב איך מיין געלט עס זאל זיין שלום, ווייל אן שלום איז גארנישט דא".

> דער ראש ישיבה האט געגעבן צו פארשטיין: "אזוי ווי איך בוי מיט מיין געלט בתי מדרשים און מקוואות, אזוי אויך געב איך מיין געלט עס זאל זיין שלום, ווייל און שלום איך גארנישט דא."

דערנאך האט מען געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זוף. דער ראש ישיבה האט קאמפלימענטירט זיין ווייב אויף די געשמאקע זופ אפאר מאל.

איינע פון די קינדער האבן זיך געשפילט און געמאכט קונצן מיט א צובראכענע בעזעם שטעקן האט די ראש ישיבה אים שטרענגערהייט געזאגט אז ער זאל עס שנעל אוועקלייגן ווייל ס'איז א סכנה.

### א פרייליכע סעודה

דערנאך האט מען נאך אביסל געשמועסט, עס איז געווען זייער פרייליך ביי די סעודה, דער ראש ישיבה האט געמאכט פרייליך די קינדער און אלע האבן זייער געלאכט, דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש.

נאכן עסן האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען קען שוין אריינברענגען די אראנדש סאדע וואס מען האט געברענגט לכבוד די גאסט - א קליינע מיידל וואס איר מאמע האט געבוירן א בעיבי. דער ראש ישיבה האט פרייליך געמאכט און געטיילט פאר די קינדער סאדע.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וועט זינגען זמירות אונטן אין שול מיט די בחורים, אבער עפעס דארף מען זינגען אויך דא. מען האט געזינגען אביסל און דערנאך האט מען געבענטשט און דערנאך איז דער ראש ישיבה אראפגעגאנגען צו די באטע אין בית המדרש.

עס זענען געווען נאך אסאך שיינע שיחות און שמועסן, אבער די עיקר איז געווען די אטמאספער ביי די סעודה, אזוי פרייליך, לעבעדיג, לוסטיג - עפעס וואס איז נישט מעגליך צו באשרייבן. איך האף אז ביי מיר אינדערהיים וועל איך אויך קענען דאס נאכמאכן און זיין פרייליך און פרייליך מאכן די גאנצע שטוב.

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### משה ארי' שניטצלער דערציילט:

איך בין געווען ביי א יארצייט סעודה פאר מיין זיידן, ער איז געווען אן אמת'ער ערליכער איד, ער האט געדינט דעם אייבערשטן, מען האט אראפגערופן איינער וואס זאל רעדן איבער די שבח פונעם זיידן - זיך באציענדיג צו דאס וואס מיר זעען היינטיגע צייטן אז יעדער איז צובראכן, און מען דארף האלטן און איין געבן חיזוק - האט זיך יענער איד בתוך הדברים אויסגעדרוקט: "ר' יודל איז געווען אן אמת'ער ערליכער איד, ער איז נישט געווען צובראכן, ער האט נישט געדארפט קיין חיזוק, ער האט געטון צו די זאך, געדאווענט געלערנט און געדינט דעם אייבערשטן".

האב איך געטראכט צו מיר, דער איד האט דאך געקענט מיין זיידן נאר ווען ער איז געווען אכציג יאר, ער האט אים נישט געקענט אלס בחור און אלס יונגערמאן, ער איז זיכער יא געווען צובראכן, און ער האט יא געדארפט חיזוק אזוי ווי מיר אלע דארפן.

### ישראל חיים ברוין דערציילט:

מיר זענען געגאנגען מיט די משפחה זיך אויסלופטערן צוזאמען מיט אונזערע עלטערן, די יונגערע קינדער זענען געלאפן צו די שפיל פלאץ, און די עלטערע זענען געזיצן ארום א טיש און שיין פארברענגט און געשמועסט, איך האב זייער הנאה געהאט צו זען איינע פון מיינע איידעמער זיצן צוזאמען ביים טיש מיט א קליין משניות'ל, ער האט עס געהאלטן אזוי קינצליך אז קיינער האט נישט באמערקט אז ער לערנט צווישן איין שמועס און צווייטן (חוץ איך וואס איך בין געזיצן נעבן אים), אזוי האט ער אויסגעהערט די שמועס און מיטגעשמועסט מיט יעדן, ווען ביני לביני איז ער גורס פרקים משניות.

עס איז מיר שטארק געפאלן די שכל וואס מען באקומט דא, ווי אזוי מען קען זיצן און פארברענגען שיין מיט די משפחה און נישט זיין אויפפאלנד, דאס וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז אלעמאל, צו זיין א מענטש צווישן מענטשן, און קיינמאל נישט זיין אנדערש פון יעדן איינעם.

### לייבי ראטה דערציילט:

איך האב געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז איך פלעג אלץ מקפיד זיין צו גיין אין מקוה יעדן טאג, אבער זייט איך האב אנגעהויבן לערנען זוהר, בין איך מער מקפיד דערויף צו גיין אינדערפרי, ווייל מען טאר נישט לערנען זוהר אן מקוה.

פון דעם איז ארויסגעקומען א הערליכע שמועס, און דער ראש ישיבה האט געזאגט א שיינעם דיבור: "ספר הזוהר איז אזוי גרויס אז עס מאכט א מענטש זאל גיין אין מקוה".

### ראובן בירנבוים דערציילט:

איך גיי כסדר הפצה, לעצטנס האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז פרייטאג קען איך גיין הפצה נאר ביז איינס אזייגער, ווייל ערב שבת דארף מען זיין אינדערהיים זיך צוגרייטן פאר שבת, זיך אראפלייגן, און לייגן שלאפן די קינדער, אזוי האב איך אנגעהויבן טון.

לעצטע וואך האב איך געהאט א שטארקע נסיון, ווייל איך האב מיר דערזען אז עס ווערט שוין איינס אזייגער און פרייטאג איז זייער א גוטע טאג, מען מאכט זייער שיין געלט ווייל עס איז דא א גרויסע עולם דא אויף די בערג, און איך קען שטארק ניצן די געלט וואס קומט אריין, איך האב נישט געוויסט וואס צו טון, דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, די לעצטע רעסטוראנט וואו איך בין געגאנגען האט מיר איינער געגעבן הונדערט דאלער פאר מיר און א הונדערטער פאר יעדע פון מיינע קליינע קינדער וואס זענען אויך מיטגעקומען מיט מיר .

איך גיי כסדר הפצה, לעצטנס האט מיר איינער אנגערופן פון באלטימאר אז ער האט געטראפן א "לייט און אמונה" - בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ענגליש, ער האט געזען א בריוו וועגן די געוואלדיגע חשיבות פון מקוה, ער זאגט אז דריי יאר איז ער שוין נישט געווען אין מקוה, און יעצט לכבוד די בריוו האט ער צוריק אנגעהויבן גיין אין מקוה, ער זאגט אז ווען ער איז ארויסגעקומען האט ער געשפירט אזוי גוט, ממש אזוי ווי א מענטש וואס האט שוין דריי יאר נישט גענומען קיין שאוער.

### שלמה ברוך בלוי געבט איבער א שיין ווארט:

איך האב געטראכט א שיין ווארט אויף דאס וואס דער אריה"ק שרייבט אז 'ציצת' איז ראשי תיבות צ'דיק י'פריד צ'יציותיו ת'מיד, אז עס איז א אינטערעסאנטע זאך, א צדיק טוט אלעמאל אפטיילן זיינע ציצית, האב איך געטראכט, אז מען זעט פון דעם דאס וואס דער רבי זאגט, אז אפילו א מענטש טוט נאר עפעס א קליינע זאך איז ער שוין א צדיק, אפילו נאר פאר'ן מפריד זיין צווישן די ציצית איז מען שוין א צדיק, כל שכן ווען איינער טוט אנדערע מצוות און מעשים טובים דארף ער זיך מחיה זיין אז ער איז א צדיק.

### משה שווארץ דערציילט:

איך בין לעצטנ'ס אריינגעקומען אין ישיבה, עס איז זייער א געשמאקע פלאץ, אויסערליך קוקט עס אויס ווי אלע אנדערע ישיבות, אבער ס'איז נישט אזוי.

איך וועל דיר געבן א דוגמא; מען זעט דער ראש ישיבה געבט א פסק פאר א בחור, און דער ראש ישיבה קען שרייען אפילו ברבים אין בית המדרש אויף בחורים, אבער מען זעט נישט אז איינער זאל זיך באליידיגן אדער שעלטן חס ושלום, יעדער האט אזוי שטארק ליב דעם ראש ישיבה, וואס אין אנדערע פלעצער אז דער מגיד שיעור אדער דער ראש ישיבה זאל דיך פארשעמען רעדסטו אויף אים, און די ווערסט זיין גרעסטע שונא, אבער דא די בחורים ווייסן אז דער ראש ישיבה טוט עס פאר אונזער טובה, ער שרייט נישט אויף א בחור ווייל ער האט געטון א זאך וואס עס מאכט אז די ישיבה זאל האבן א שלעכטע נאמען, ווען ער געבט פסקים איז עס זאכן וואס זענען די טובה פונעם בחור, ווי דאווענען מיט מנין, ליינען קריאת שמע, דאווענען פאר חצות, און אזוי נאך צענדליגע זאכן.

ווען דער ראש ישיבה שרייט אויף א בחור וועגן ער איז פארנומען מיט זיין טעלעפאן, ער קוקט שלעכטע זאכן, איז עס נישט ווי אין אנדערע פלעצער וואס מען וויל אז די נאמען פון די ישיבה זאל בלייבן שיין, נאר ער שרייט אויף דיר כדי 'דו זאלסט האבן א גוט לעבן'.

שיקט אריין אייער נקודה צום מערכת דורך
אריינרופן 845-979-1161
אדער דורך אימעיל
breslevofficeliberty@gmail.com




# בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ

אָה... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... ס'בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְש...

גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעהַאקְט אַ נָאגְל, אוּן בַּיים קְלַאפְּן מִיט'ן הַאמֶער הָאט עֶר זִיךְ צֶעקְלַאפְּט זַיין פִינְגֶער; עֶס הָאט אִים זֵייעֶר ווֵיי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן פוּן ווֵייטָאג: "אוּטְשׁ, עֶס טוּט מִיר ווֵיי, אֲהָהָה... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... ס'בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְש..."


אוּטְשׁ, עֶס טוּט מִיר ווֵיי!

דָארְט אִיז גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט זַיין תַּלְמִיד: "נַחְמָן, הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶער דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דֶעם הַאמֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף דֶער נָאגְל זָאל גוּט אַרַיינְגֵיין'? הָאסְט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן - וָואלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט."

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס מֶען טוּט, אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ - דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַלֶע אִידְן אוּן אוֹיךְ מִיר..."

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

**דבורה אינדיג פון וויליאמסבורג פארציילט:**

איך בין געגאנגען שווימען אין קעמפ, איך האב געלאזט אנגעטוהן די זייגער בשעת'ן שווימען, און ס'איז געווארן נאס.




געמאלן דורך: מירי פעלבערבוים

# נאך וועם היים איך?

**איך היים:** רייזל וועבערמאן תחי'

**נאך:** מיין עלטער באבע רייזל כ"ץ ע"ה

## אביסל איבער איר

זי איז געווען א גרויסע בעלת חסד, און זייער אכט געגעבן אויף צניעות. עס פלעגט יעדן טאג זיין א פראגראם פאר די עלטערע פרויען וואס זי פלעגט מיטהאלטן, און געגאנגען צו זיי מחזק זיין, געוויסע פרויען וואס האבן נישט געהאט קיין מוט צו קומען האט זי מחזק געווען און פרייליך געמאכט זיי זאלן וועלן אביסל ארויסקומען פון שטוב צו גיין צום פראגראם. עס איז געווען געוויסע עלטערע פרויען וואס האבן נישט געהאט קיין כח און מוט צו גיין צו די פראגראם, האט זי יעדן טאג אהיימגעברענגט די מיטאג פאר זיי אין שטוב זיי פרייליך צו מאכן און אויפלעבן.

אויך פלעגט זי זייער מכבד זיין איר מאן מיט די פולסטע רעספעקט, אפילו ווען זי איז שוין געווען עלטער און נישט געהאט צופיל כח, האט זי זיך געהאלטן פריש, און צוגעהערט יעדע ווארט וואס איר מאן זאגט און אים באמת געשעצט, און פרובירט צו טון פאר אים ווי מער, אזוי ווי איינער וואס האט יעצט חתונה געהאט.

איך האף אויסצוואקסן אזויווי איר.

**געשריבן דורך:**

*רייזל וועבערמאן - קרית ברסלב*



**אויפן בילד:**

**"איר מאן הרה"ח ר' רפאל בנימין הכהן כ"ץ ז"ל"**

# טרעף

## די פאָלגנדע ווערטער



אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט ווען מען זען ווען משיח וועט קומען

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ט | ק | ע | ב | מ | ח | נ | ש | פ | ר | י | ע | מ | נ | א | ד | ח | פ | ק | ל | צ | נ |
| כ | ח | ה | ה | ה | ר | ג | ס | י | א | נ | ש | צ | ל | ע | צ | כ | י | ש | ט | ת | כ | מ |
| ט | ו | ב | ש | ד | ג | צ | ט | מ | ע | ל | ד | ש | א | מ | כ | א | ש | ר | ה | ז | א | ג |
| ז | ל | א | ו | א | ר | ו | צ | מ | נ | ת | נ | צ | ז | ו | ח | מ | מ | ע | נ | ו | ת | ש |
| ט | ז | ע | נ | פ | ו | כ | ו | מ | ס | ט | צ | ת | ה | ק | כ | א | פ | ע | נ | ל | י | כ |
| א | ו | נ | ג | ו | י | ס | ת | ע | ד | י | א | ע | ת | כ | ח | ט | י | ז | ו | ב | נ | מ |
| ל | ו | ה | ח | ס | ס | ד | ל | פ | ט | י | כ | ד | ק | ז | ט | ו | ע | ל | ק | צ | ט | מ |
| ש | ע | ג | ש | ת | ק | פ | נ | ב | ו | ק | צ | ת | פ | ו | ז | ר | א | ו | ו | י | ע | פ |
| צ | ט | ו | ו | י | י | ח | ב | א | ו | נ | ז | ע | ר | ג | צ | ג | ק | ד | ר | נ | ת | ק |
| ע | פ | ע | ב | ת | י | ע | א | פ | ג | י | ר | נ | נ | פ | ט | פ | כ | מ | ק | ח | ת | פ |
| ק | ב | ס | צ | ש | ט | א | ח | י | נ | י | פ | ג | ו | כ | ע | כ | כ | צ | ו | ו | ע | נ |
| פ | ת | ע | מ | ח | ז | ו | ז | נ | פ | ש | ג | ו | ק | ס | ה | נ | ב | צ | ס | נ | ע | ת |
| פ | ב | י | ט | ז | ל | ו | ה | נ | ז | ס | ו | ז | כ | ו | ה | י | ז | ע | כ | ז | ק | ר |









# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**לג.** מִי שֶׁמְּקֻשָּׁר לַשָּׁוְא, בָּא לְשִׁכְחָה.

**טייטש.** אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ לִיגְנְט, וֶועט פַארְגֶעסְן זַאכְן.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | | 4 | | |
| | 6 | | | 3 | |
| | | | | | |
| 6 | | 3 | | | |
| | | 5 | | 4 | 1 |
| | | | 2 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 6 | | | | 7 | | | | 2 |
| | 5 | 8 | 3 | 6 | 2 | 4 | 7 | |
| | | | 9 | | 8 | | | |
| 9 | 6 | | | 8 | | | 1 | 4 |
| | 1 | 2 | | | | 8 | 9 | |
| 8 | 4 | | | 9 | | | 3 | 5 |
| | | | 8 | | 7 | | | |
| | 3 | 1 | 4 | 2 | 6 | 9 | 5 | |
| 4 | | | | 1 | | | | 7 |



# חידות אפטיילונג

דער הייליגער רבי האט געזאגט: איך וועלן מאכן פון ענק

א. פרייליכע אידן

ב. כיתות כיתות

ג. מפיצים

ד. שיינע זאכן

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג: מוצאי שבת פירט מען זיך

ענטפער: פארציילן מעשיות פון צדיקים

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**משה טייטלבוים נרו יאיר - קרית יואל**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת מטות מסעי?

### פון אויבן אראפ.

1. ____ היט פון עבירות
2. אז יענער וויל מיך נישט, דארף איך יענעם ____ מאל נישט
3. א טעלעפאן אן א ____ איז זייער שרעקעדיג
5. בעט דעם אייבערשטן יעדע זאך וואס דו ____, וועסטו זען גרויסע ניסים
8. אנשטאט זיך ____, ענדערש חזר נאכאמאל די אמונה
9. וואו עס איז דא שלום, איז די ____ דארט
11. דאנק דעם אייבערשטן פאר אלעס וואס דו ____
12. ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן, ווערט מען ____ צו אים
14. גיי אביסל ____ אין פעלד הונטער דיין שטיב, וועסטו שפירן א טעם גן עדן
15. נעם די הייליגע ____, גיי אין שול און געב דאס א קוש
16. לאז אפ די אלע וואס פארדרופן דיך ____

### פון רעכטס צו לינקס.

4. די עיקר עבודה פון א מענטש איז צו זיין פרייליך מיט ____ זאכן
6. לאז נישט אפ די הייליגע ____, זע צו קומען יעדן טאג און אויסהערן שיעורים
7. אויב מען היט נישט די ____, פארלירט מען אלעס
10. די עיקר ____ פון א מענטש אויף די וועלט, איז זיין פרייליך
13. עס איז נישטא קיין שום עצה וואו צו אנטלויפן, נאר צום ____ און צו די תורה
17. זיי זיך נישט מבלבל פון ____
18. וואלט מען זיך איינגעבויגן דעם קאפ צום אייבערשטן, וואלט אלעס געגאנגען ____
19. משניות האט א כח איבערצודרייען דעם מענטש ____
20. מען דארף ____ האבן פון טאטע און מאמע



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# אַ רײַזע מיט פּישל



אַן אַלְטֶער חָלוֹם הָאט פִּישְׁל גֶעהַאט, צוּ פָאְרן מִיט אַ בַּאן!

דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, עֶר הָאט אַלְץ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל קֶענֶען פָאְרן מִיט אַ בַּאן.

כְּדֵי צוּ פַארְוִוירְקְלִיכְן זַיין בַּאגֶער, הָאט עֶר אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן זַיין מָאגֶערֶע גֶעלְט, אַ פְּרוּטָה נָאךְ אַ פְּרוּטָה.

נִישְׁט אַ יָאר אוּן נִישְׁט צְוֵויי יָאר זֶענֶען פַארְבֵּיי, עֶר הָאט אַלְץ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט נָאךְ אוּן נָאךְ גֶעלְט, בִּיז עֶס הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט אִין זַיינֶע הֶענְט אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע, פוּפְצִיג גָאלְדֶענֶע רוּבְּל.

פִּישְׁל הָאט אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן בַּאשְׁלָאסְן אַז הֶעכְסְט וַוארְשֵׁיינְלִיךְ וֶועט דִי גֶעלְט זַיין גֶענוּג פַאר דִי אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְטֶע רֵייזֶע, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען פַארְוִוירְקְלִיכְן זַיין טְרוֹים.



געברענגט צו
אייך דורך

# אנשי חיל

גענומען
מיט רשות פון
"קינדער שפיל"

1



הָאט פִּישְׁל גֶענוּמֶען זַיין טָארְבֶּע אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפַּאצִירְן צוּ דִי בַּאן סְטַאנְצִיעֶ אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע שְׁטָאט, וֶוען זַיינֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

עֶר גֵייט צוּ צוּם בִּילֶעט פַּארְקוֹיפֶער, מִיט הֶענְט וָואס צִיטֶערְן פוּן הִתְרַגְשׁוּת הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט דִי גֶעלְט אוּן גֶעבֶּעטְן, "דֶעם בֶּעסְטְן בִּילֶעט וָואס אִיז פַאְרהַאנֶען".




פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

# קלאסיפייידס

ברסלב
שטיצט ברסלב




KB
KB HEALTH

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.



The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com

---

## BUY AND SAVE

Storewide end season sale!

PAY ONLY $5 A BAG AND FILL IT UP WITH ANYTHING YOU WISH!

Help us make room for upcoming fall merchandise!

---

**א שיינע דירה אויף האשקי צו פארדינגען פאר צווייטע העלפט זומער.**

**ביטע רופט**
**יצחק אייזיק ראטה**
**347-668-6122**

---

**איין רומיגע דירה אין שטעטל אויף האשקי גאס, צו פארדינגען פאר זומער שבתים**

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
**845-492-0566**

---

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
**קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.**
**און צוריק ביינאכט**
**מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקלים, און קרית ברסלב ליבערטי.**
**פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר**
**ברוך אפעלדארפער**
**914–705–9524**

---

**א קאר סערוויס פארט יעדן אינדערפרי פון שטעטל קיין קרית יואל.**

**רופט אשר קרויס**
**845-655-9234**

---

Electrolysis,
Tinting, Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681




# בילדער
## אפטיילונג




עס קומט אן א פרישע שיפמענט פון פאפיר ביים בית הדפוס אין ירושלים עיר הקודש




די קינדער אין אינגל קעמפ שפילן צוזאמען







שיעור ליל ששי פרשת מטות מסעי







וואכנאכט פון בן ר' ישעי' איידליס הי"ו - ג' מטו"מ




ברית פון הילד ישראל דוד נרו יאיר בן ר' ישעי' איידליס
אין מחנה אילן החיים - ד' מטו"מ




ביים ארויסגיין נאכן ברית מיט די באגלייטונג פון די
קינדער אין קעמפ







לחיים / ווארט / תנאים פון החתן יוסף מערמעלשטיין נ"י
אין שטוב פונעם ראש ישיבה - ג' מטו"מ




בעל החנות פון B&h drygoods ר' ברוך יאקאבאוויטש
הי"ו ביים קלאפן מזוזה אינעם נייעם סטאר




לחיים נאכן קביעת מזוזה - ה' מטות מסעי







קביעת מזוזה אין די אפיסעס פון
PROFESSIONAL PLAZA







אפשערן און חדר פירן אין שטעטל פון הילד אליעזר
שלמה נרו יאיר בן ר׳ אברהם דאנציגער הי״ו - ד׳ מטו״מ







בר מצוה פון הבחור יודא בריל נרו יאיר אין בית המדרש
היכל הקודש ירושלים




מסיבה פאר׳ן כולל היכל הקודש ביים שטוב פון ר׳
אברהם אלי׳ פרידריך הי״ו אין שטעטל- א׳ דברים

בס"ד

# תלמוד תורה היכל הקודש

# עיר הקודש ירושלים תובב"א

## על טהרת הקודש
בנשיאות מורינו ראש הישיבה שליט"א

## פרנס החודש

### חודש תמוז

איר קענט זוכה זיין
און נעמען א טייל
אין די גרויסע זכותים
פון תלמוד תורה
של תינוקות של בית רבן
על טהרת הקודש

## פרנס השבוע

### פרשת בלק

פרנס השבוע
נתרם על ידי ידידנו
מוה"ר
ר' אברהם טעקאלסקי הי"ו

### פרשת פנחס

פרנס השבוע
נתרם על ידי ידידנו
מוה"ר
ר' ישראל מנחם ראזענבערג הי"ו

## פרנס השבוע

### פרשת מטות

פרנס השבוע
נתרם על ידי ידידנו
מוה"ר
ר' משה יחיאל פעלדמאן הי"ו

### פרשת מסעי

איר קענט זוכה זיין און נעמען א טייל
אין די גרויסע זכותים
פון תלמוד תורה
של תינוקות של בית רבן
על טהרת הקודש

## פרנס היום

איר קענט זוכה זיין און נעמען א טייל
אין די גרויסע זכותים
פון תלמוד תורה
של תינוקות של בית רבן
על טהרת הקודש

זיך צו משתתף זיין און נעמען א חלק אין די געוואלדיג זכותים
קען מען זיך ווענדן צו מוה"ר ר' אייזיק אפפעל הי"ו חבר הנהלת המוסדות 6463028957 (1+)